שמות - וארא תשפ"א ✦ באנד 10 ✦ נומער 123 ✦ י"ל ע"י מפעל מעיינות החסידות דחסידי סקווירא ✦ בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# אורות



# טוב להודות להשם!



צום
## צוואנציגסטן יארטאג

קומען די חשוב'ע בעלי-הנס
**צום ערשטן מאל**
ארויס אין דער עפנטליכקייט
דערציילן זייערע
**פערזענליכע איבערלעבענישן**
ארום דער גרויסער ישועה

**שבת שמות תשס"א - תשפ"א**




### אינעם עסקנות פעלד:



מו"ה **ר' נפתלי בינעטה** הי"ו
מנכ"ל ישיבתנו הק' במאנסי

### חסידים הראשונים

תְּהֵא השעה הזאת שעת רחמים:
**הגה"ח ר' משה גבאי ז"ל איבער טרינקען טיי**

### מצאתי שאהבה נפשי:

**הרה"ח ר' נח ברייער ע"ה**

Price: $7.00

0 84536 21525 1

# נוסח התפילה

## דער ערשטער סקווירער סידור

**לכבוד מערכת "אורות":**

יעדעס מאל ווען די שיינע אויסגאבע "אורות" קומט אן צו מיין שטוב, ווערט די שטוב לעכטיג! פשוטו כמשמעו!

פאר מיר איז געווען א פערזענליכע הנאה צו ליינען די אינהאלטסרייכע היסטאריע פונעם "סקווירער סידור" אין אורות נומער 120#. איך וויל נאר מוסיף זיין עטליכע פרטים וואס איך האב אליינס מיטגעהאלטן, נאך אזוי פרי ווי אין די יארן ווען דער רבי ז"ל האט געלעבט, בערך תשכ"ו-תשכ"ז. איך געדענק נאך ווי כ'בין אריינגעקומען צו כ"ק דעם רבי'ן שליט"א אין שטוב און געזען אז דער גאנצער טיש איז פול מיט אלטע סידורים, ווי קול יעקב, סידור רבי שבתי, צלותא דאברהם, און נאך. האב איך געפרעגט דעם רבי'ן, "וואס איז דאס?" האט מיר כ"ק דער רבי שליט"א - דאן אלס יונגערמאן - געענטפערט אז ער ארבעט יעצט אויף א "סקווירער סידור"!

שפעטער, בשנת תשכ"ט, ווען איך האב שוין געלערנט אין ישיבה, האב איך געהערט אז כ"ק דער ראחמיסטריווקער רבי שליט"א האט פארשריבן פארשידענע עניינים בנוגע דעם סידור, האב איך אים געפרעגט אויב איך קען עס בארגן און ער האט מיר געענטפערט, ניין, נאר איך קען קומען צו אים און שטוב און איבערשרייבן די ענינים פון זיין העפט. אזוי האב איך טאקע געטון... עס איז געווען איין לאנגע נאכט, ווען איך מיט נאך א בחור, הרה"ח ר' צבי דוב וואלטער הי"ו, האבן איינאיינעם מעתיק געווען די גאנצע העפט. עטליכע חברים האבן געמאכט קאפיעס פון דער העתקה און דאס איז למעשה געווען "דער ערשטער סקווירער סידור" וואס איז ארויס פון הויף!

יארן שפעטער, בערך בשנת תשל"ה - נאך איידער דעם וועד וואס הרה"ח ר' חיים בערגער ז"ל האט געמאכט אין יאר תשל"ט - האט הרה"ג ר' יצחק שמעון אסטרייכער שליט"א מקדיש געווען א צימער אין זיין דירה וואו מ'איז זיך צוזאמגעקומען ארבעטן אויף דעם סידור. דארט האט ר' יצחק שמעון שליט"א געארבעט מיט הרה"ג ר' יושע כהן שליט"א, הרה"ח ר' דוד יעקב איינהארן שליט"א, הרה"ח ר' יושע חיים קאסטן שליט"א, הרה"ח ר' יחיאל שמואל פריעד שליט"א און אני הקטן [קען מעגליך זיין אז ר' חיים ז"ל איז שוין דעמאלטס אויך געווען פארמישט - כ'געדענק נישט געווני]. יעדער האט מיטגעברענגט פארשידענע סידורים און מיר זענען דורכגעגאנגען די מקורות אויף יעדער זאך, אא"וו.

אויך געדענק איך עטליכע מאל אינמיטן דעם עבודת הקודש, ווי איך מיט הרה"ח ר' דוד יעקב איינהארן שליט"א זענען אריין אנפרעגן ביים רבי'ן שליט"א ווען מיר האבן געהאט געוויסע שאלות און ספיקות. כ'ווייס נישט פארוואס די זאך האט זיך דעמאלטס אפגעשטעלט, אבער ברוך השם אז היינט איז דער ציבור נהנה פון דער הארעוואניע פון אסאך יארן, און דער היינטיגער סידור איז ממש מאירת עינים!

געוויס קומט א גרויסן יישר כח פאר די געטרייע עסקנים פון "מכון שפתי תהילה" וואס האבן דאס אויסגעפירט מכח אל הפועל, און באזונדער א הארציגן דאנק פאר מערכת אורות אויף זייער ארבעט צו באשרייבן די רייכע היסטאריע פון דעם הערליכן עבודת הקודש מיטן "נוסח התפילה" לתפארת רבותינו הקדושים.

**אייער ליינער וואס האט פיל הנאה:**

**מאיר שילער**

**מאנסי, ניו יארק**

# הני צנתרי דדהבא

## הרה"ח ר' שלמה זלקא קארן ז"ל / הרה"ח ר' לייבל טייטלבוים ז"ל

**לכבוד מערכת אורות:**

איך וויל צוגעבן א וויכטיגע הוספה צום הערליכן ארטיקל איבער הרה"ח ר' לייבל טייטלבוים ז"ל (אורות 121#): ווי איר האט ערוועהנט אינעם ארטיקל, האט המנוח הרה"ח ר' לייבל ע"ה צוגעגרייט א קוויטל מיט א גרעסערן פדיון וואס מ'זאל נאך זיין מאה ועשרים איבערגעבן פאר כ"ק דעם רבי'ן שליט"א. בנוסף לזה, האט ער אויך לערך מיט פינף און צוואנציג יאר צוריק, געשיקט מיט מיין חשוב'ן טאטן, הרה"ח ר' ישראל חיים שליט"א, "א פארמאכטן בריוו" און דערביי געבעטן מיין טאטן אז תיכף ומיד ווען ער הערט אז ער איז אוועק לחיי העולם הבא, זאל ער עס איבערגעבן פאר כ"ק דעם רבי'ן שליט"א, און אנגעזאגט אז ער זאל עס אליינס איבערגעבן און נישט שיקן דורך א שליח!

בשעת מיר האבן געהערט די טרויעריגע בשורה, פארגאנגענעם חודש חשון, איז מיין טאטע שי' געווען אין שטאט נאך געלט, און שפעטער ביינאכט, ווען ער איז צוריקגעקומען אין שטעטל, איז ער באלד אריין אל הקודש פנימה, מקיים זיין דאס שליחות עס איבערצוגעבן פארן רבי'ן שליט"א.

די נאנטשאפט וואס מיין טאטע שי' האט געהאט מיט הרה"ח ר' לייבל ז"ל קומט נאך פון אונזער זיידן הרה"ח ר' זלקא ז"ל, וועלכער פלעגט אלע יארן איינשטיין ביי אים בשעת ער איז געווען אין אנטווערפן נאך געלט פארן כולל, און שפעטער האט מיין טאטע שליט"א איבערגענומען די אכסניא פאר לאנגע יארן. כ'שיק דא מיט א לעצטיג בילד פון א באזוך פון מיין טאטע שי' ביי הרה"ח ר' לייבל ע"ה (דאס בילד איז שוין פון סוף ימיו אין ארה"ק).

מדי דברי בו, וויל איך איבערגעבן צוויי הוספות צום הערליכן מאמר איבערן זיידן, הרה"ח ר' זלקא



הרה"ח ר' ישראל חיים קארן מנהל מרכז הכוללים מיט להבחל"ח הרה"ח ר' לייבל אין זיינע שפעטערע יארן



ז"ל, אין דער רובריק "מצאתי שאהבה נפשי" (אורות #122):

ער פלעגט פארציילן אז אין די ערשטע יארן אין וויליאמסבורג, איז ער אמאל געזיצן און געלערנט מיט זיין חברותא הרה"ח ר' משה אייזנבאך ז"ל, און אינמיטן איז דער רבי ז"ל צוגעקומען צו זיי און דערנאך זיך דערווייטערט. א ווייל דערויף איז דער רבי ז"ל נאכאמאל צוגעקומען און זיך נאכאמאל אוועקגעדרייט... ביז דער זיידע האט געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל: "וואס וויל דער רבי?" האט דער רבי ז"ל געענטפערט אז ער דארף געלט לצורך "פדיון שבויים" פאר א קרוב משפחה וואס איז נאך געבליבן אין רוסלאנד. האט דער זיידע געפרעגט וויפיל איז דער סכום וואס פעלט זיך אויס, צוגעמאכט די גמרא און ארויס שאפן נדבות העם אין די שולן. א קורצע צייט שפעטער איז ער שוין געווען צוריקביים רבי'ן ז"ל מיטן גאנצן סכום... דער רבי ז"ל האט שטארק הנאה געהאט און זיך אנגערופן: "אה, א זריז!"

איינמאל האט אים דער רבי ז"ל געזאגט בדרך צחות: "די וועלט זאגט אז איינער וואס גייט נאך געלט פאר צדקה, דארף האבן צוויי קעשענעס, איינע פאר געלט און איינע פאר בזיונות, עס ווענדט זיך נאר וועלכע ס'איז מער"... האט דער זיידע זיך אנגערופן: דער רבי זאל מיר גלייבן, יעדעס מאל איידער איך קום אריין צום רבי'ן,ליידיג איך אויס די צווייטע קעשענע (נישט מצער צו זיין דעם רבי'ן)... דער רבי ז"ל האט האט הנאה געהאט פון דער תשובה!

**בכבוד והוקרה:**
**יעקב יוסף קארן**

# אין דער אלטער היים

איך האב זייער הנאה צו ליינען אין אורות די הערליכע פארזעצונג "אין דער אלטער היים", וואו דער שרייבער איז מצליח איבערצוגעבן דעם גאנצן פארצייטישן "ריח" און מהות פון דער אלטער היים. ספעציעל האב איך מיר באלעקט די פינגער מיט דער שילדערונג אויפן חדר-פירן און חומש-סעודה. אזוי בא'חנ'ט און ווארעמהארציג! א גרויסן דאנק פאר די אורות בכלל און אויף דער אפטיילונג בפרט.

יעצט צוויי הערות: איך זע ווי איר לייגט אפט אריין "פירושים" אויף זיינע ווערטער... צ.ב.ש. ער שילדערט (אורות #119) וויאזוי דער "באהעלפער" פונעם מלמד האט געלערנט מיט די דריי יעריגע קינדערלעך צו גרוסן און ער ברענגט אז אינדערפרי זאגט מען "גוט-מארגן", בייטאג זאגט מען "גוט-העלף [**ג-ט העלף**]" און אויפדערנאכט זאגט מען "גוט-אוונט". איך וואונדער מיך זייער אויף אייך, פונוואנעט האט איר גענומען צו פארטייטשן דעם "גוט העלף" אלס א מליצה אויף ג-ט העלף? פארוואס זאל עס נישט פשוט טייטשן "גוט העלפט"?! אזיווי אינדערפרי גרוסט מען זיך "גוט מארגן" אלס דעם פרימארגן און אין אוונט גרוסט מען "גוט אוונט" אלס דעם אוונט, גרוסט מען זיך ביי חצות היום "גוט העלפט" אלס האלבן טאג...

איבער נאך א גרייזיגן טייטש וואס איר האט אריינגעלייגט, האב איך געוואלט אנמערקן: ער שרייבט, "די מלמדים פלעגן גיין מיט זייערע תלמידים אין שול אריין און קומענדיג אין שול אריין, פלעגט יעדער פאטער נעמען זיין קינד צו זיך אויף דער "שטאט" (**פלאץ**) און אכטונג געבן אז ער זאל דאווענען." כנראה איז "אויף דער שטאט" א פשוט'ע פארלענגערונג פונעם ווארט "אנשטאט". ד.ה. דער פאטער האט גענומען דאס קינד "אנשטאט" דעם מלמד. א שאד געווען אייער פאבריקאציע אז דער טייטש פונעם ווארט "שטאט" איז "פלאץ"...

**בכבוד רב:**
**ש.פ.**

**ענטפער פון רעדאקציע:** א גרויסן דאנק פאר אייער דאנק. אין דער פארזעצונג "אין דער אלטער היים", לייגן מיר א שטארקן געוויכט נישט צו טוישן פונעם מחבר'ס אויטענטישער שפראך (און זיכער נישט צוצולייגן), כדי צו היטן אויף דער אריגינעלקייט. אין מערערע פעלער טוישן מיר דעם "אויסלייג" פון ווערטער, עס זאל זיין מער צוגענגליך פארן היינטיגן ליינער, און אין געוויסע פעלער, ווען מ'שפירט אז א ווארט וועט זיין אומפארשטענדליך פאר די אורות-ליינער, לייגן מיר צו דעם טייטש "איינגערינגלט". דערפאר שטעלן מיר אלעמאל די ווערטער וואס דער מחבר האט זעלבסט געשריבן אין קלאמערן, "איינגעקעסטלט". אזוי ארום קען דער ליינער מבחין זיין וואו מיר זענען די וואס האבן צוגעלייגט די ווערטער בסוגריים (איינגערינגלט) און וואו דער מחבר זעלבסט האט געשריבן די ווערטער בסוגריים [איינגעקעסטלט].

"גאט העלף" (הושע השם) טרעפט מען אין אמאליגע ביכער אלס א באגריסונג (אזיווי "העלאו" און "א גוטן טאג"). דאס דארף נישט צו זיין קיין חידוש נעמענדיג אין באטראכט די משנה סוף מסכת ברכות, "התקינו שיהא אדם שואל את שלום חבירו בשם". און דערויף ברענגט דאך די משנה דעם פסוק "אַל תָּבוּז כִּי זָקְנָה אִמֶּךָ" - דעם ענין לערנט מען פון די פארצייטישע פון אונזער פאלק... (ועיי' באורך בשו"ת יהודה יעלה ח"א או"ח סימן ט' בענין התקנה לברך שלום בשם ה' ובהשמטת הפוסקים דין זה).

בנוגע דעם ווארט "שטאט", האט איר גוט אנגעמערקט, אבער עס איז פארקערט: דאס ווארט "אנשטאט" איז א "פארקורצערונג" פון "אויף דער שטאט" - אויף דעם פלאץ (בימיו האט מען א פלאץ אין שול, גערופן א "שטאט").